בעדענקט אייך!

(צו אונזערע קהלה־פארשטעהער.)

זעהר און זעהר נישט אנגענעהם איז עס, ווען מען ברויך זיך אליין קריטיקירען, ווען מען ברויך אליין אויפדעקען אייגענע פעהלערן, אבער פיעל ערגער און שעדליכער איז עס, ווען דאס ווערט נישט געטוהן און עס ברענגט דערצו אז אנדערע זאלען עס טהוען. בעווייל אט די אלע פעהלערן און שוואכקייטען ווערען דאך מיט אונזער פערשווייגען נישט פערשוואונדען, נאר לאזען זיך טיעף טיעף פיהלען אין אונזער גאנצען ארגאניזם...

איך בין נישט אויסען יעצט נאך אמאל אנצוווייזען אויף דעם גרויסען, אונפערצייהליכען פעהלער וואס ס'איז בעגאנגען און ס'בעגעהט נאך אויך יעצט, די אלגעמיינע אנפיהרער פון פוילישען ארטאדאקסישען יודענטום, דערמיט וואס זיי קומען נישט אין ענגען קאנטאקט מיט די ברייטע פאלק'ס־מאסען. פאר וואס זיי קומען נישט צום פאלק, איהם צו וועקען און מונטערן און דער עיקר קומען צו הילף די דערדריקטע און דערשטיקטע מאסען,—ווערען זייערע אמתע פיהרער, אין די צייט, ווען דאס פאלק נויטיגט זיך אזוי אין זיי; און עס גארט נאר אויף זייער רוף. מיר האבען נישט די מיטלען, דאס איז דער ענטפער וועלכע מיר ווייסען פון פריהער, דאס פאלק וויל מעשים צו מעשים ברויך מען געלד, און וויפיעל יחידים אידעאליסטען זאלען נישט לייסטען פון זייער אייגענע קעשענעס בלייבען זיי אבער דאך בלויז יחידים: און דער כלל, וויפיעל דער כלל האט אויף דעם אלעם געגעבען — דאס קען וויסען יעדע שטאדט אין זיך... אבער אויך דערמיט קענען מיר זיך נישט בעגניגענען, בעוויל נאך נישט דערמיט קען מען ערפילען די פליכט פון מנהיגי האומה, פאלקס־אנפיהרער. ווען מעןווארט אז דאס פאלק זאל די מיטלען ברענגען. פונקט ווי דער אמת'ער פאלקס־מנהיג דער סבא קדישא דער חפץ חיים שליט"א האט זיך נישט געוואלט בעגניגענען בלויז מיט'ן ארומפאהרען פון זיינע חברים־רבנים, נאר ער איז זעלבסט אליין מיטגעפאהרען פון שטאדט צו שטאדט זאמלען געלד אויף די ישיבות.

נאר ווי געזאגט בין איך נישט יעצט אויסען מיט מיין דאזיגען ארטיקעל וועגען די אנפיהרער פון פוילישען ארטאדאקסישען יודענטום, וועלכע טענה'ן „אז זיי האבען נישט די מיטלען", איך מיין יעצט גראדע וועגען די אנפיהרער אונזערע וועלכע בעזיצען יא די מיטלען, אויב זיי וואלטען געוואלט, און דאך ניצען זיי נישט אויס זייערע רעכט. איך מיין די ארטאדאקסישע אנפיהרער פון די קהלות.

ווער געדענקט עס נישט דעם גרויסען קאמף וואס די ארטאדאקסיע האט אונטערגענומען בעת די לעצטע וואהלען צו די קהלות, און א דאנק די דאזיגע אונערמידליכע ארבייט פון די ארטאדאקסישע ברייטע מאסען איז כמעט איבעראל געלונגען דורכצופיהרען א מעהרהייט פון ארטאדאקסישע יודען.

וואס האבען מיר געמיינט און וואס האבען מיר געוואלט, מיט אט דעם גרויסען קאמף אויף די יודישע גאס? כבוד? יא, מיר לייקענען נישט, מיר האבען געוואלט פערשאפען כבוד דאס רעליגיעזע יודענטום. וואו אזוי האבען מיר אט דעם כבוד געמיינט צו פערשאפען? דורכדעם וואס אונזערע פיהרער וועלין פערשטעהן, זיצענדיג אין די קהלות, צו פערשטארקען און פערפעסטיגען די אלטע, ערא בערטע פאזיציעס פון רעליגיעזען יודענטום און גלייכצייטיג צו בויען נייע, פרישע פאזיציעס. מיר האבען געוואוסט אז ס'איז אשעת חירום, ס'איז א צייט ווען עס געהט א אונאויפהערליכע, שרעקליכע קאנאנאדע אין יודיש־רעליגיעזען פעסטונג, מען שטירצט איהם פון אלע זייטען, אין אזא צייט מוז מען מאכען נייע וואלען נייע פערשטארקונגען — סחור סחור לכרמך לא תקרב... און אט איז שוין פערביי העכער א האלב יאהר און מיר מוזען זיך מאכען א שטיקעל חשבון הנפש צו האבען מיר אויף אט דעם געביט, פון ארטאדאקסישען שטאנדפונקט, בעוויזען צו טהוען, אדער לכל הפחות רעכענען מיר כאטש צו טהוען...

ווארעם לאמיר זיך נישט נארען, די צייט ריקט זיך. די פאר יאהר ועלין אדורך, און ווידער וועלין מיר אליארטירען די יודישע גאס צו די וואהלען. און דאן וועלען מיר דאך זיין געצוואונגען, א דין וחשבון אפצוגעבען, וואס־זשע וועלען מיר ענטפערן דעם פשוט'ן יוד ווען ער וועט קומען און פרעגען, וואס האט איהם די נייע, אזוי פיעל אויסגעקעמפטע ארטאדאקסישע קהלה געגעבען, מעהר ווי די פריהערדיגע. לא'מיר זיין אויפריכטיג! מיר וועלען איהם האבען אנצוווייזען אויף דעם וואס ס'איז אונז געלונגען איינצוהאלטען די ביז יעצטיגע פאזיציעס. מיר האבען נישט געלאזט פערביטען די סובסידיע פון די תלמוד־תורות אויף פאלקס שולען, אבער מיר זענען מסופק צו דער פשוט'ער יוד וועט זיך בעגניגענען מיט אזא תירוץ ווען... אנדערע זאלען זיין וואלט געווען נאך ערגער. ער וועט פרעגען צו מיר האבען מקיים געווען די צוגעזאגטע הבטחות... עפעס האבען מיר דאך איהם צוגעזאגט צו מאכען א שטיקעל ארדנונג אין אונזער אזוי אבגעלאזענעם, געזעלשאפטליכען לעבען. מיר האבען דאך איהם פערשפראכען צו פערבעסערן אונזער חנוך הבנים. מיר האבען דאך אין אונזער פראגראם ארויסגעשטעלט, חנוך הבנות, נישט צו דערלאזען אונזערע טעכטער זאלען פון אונז פערפרעמדעט ווערען.

וואס־זשע האבען מיר געטוהן? וואס האבען מיר געטוהן אין די צייט ווען די ברויזענדע כוואליעס שלעפען־מיט אונברחמנות'דיג אונזערע קינדער, ווען דער רוישענדער שטורם רייסט אוועק די יונגע צווייגעלעך? וואס וועלין מיר דאן אויף אט די אלע טענות ענטפערן?

איהר וועט פרעגען וואס כ'האב מיר גראדע יעצט אין דעם אלעם דערמאנט, קומט וועל איך אייך מוסר זיין א סוד... ס'איז מיר אויסגעקומען מיט איניגע טעג צוריק צו זיין אין א דערבייאיג שטעדטעל—כ'קען עס אייך ביים נאמען אנרופען — לוקאוו, און אט האב איך איינגעזעהן אז דאס וואס מיר ברויכען געבען צו פערשטעהן אונזערע מנהיגים פון די גרויסע שטעדט טאג איין טאג אויס זייער אחריות און זייער חוב — אט דאס פערשטעהן טאקי אליין די לוקאווער ארטאדאקסישע דאזארעס. זיי פערשטעהן טאקי דאס גרויסען אחריות וואס עס ליגט אויף זיי, אין דעם מאמענט וואס זיי שטעהן ביים רודער פון יודישען לעבען. און אט האט איהר אין קורצען, וואס די לוקאווער ארטאדאקסישע מיטגלידער האבען בעשלאסען, נישט קוקענדיג אויף די יעצטיגע קריטישע צייט, דורכצופיהרען. 1) די תלמוד תורה ווערט אויסגעהאלטען דורך די קהלה. 2) די ארימע קינדער פון די ישיבה ווערען אויסגעהאלטען פון די קהלה, 3) דאס קינד וועלכעס געהט ארויס פון תלמוד־תורה אדער ישיבה און וויל זיך לערנען א פאך ווערט איבערגעגעבען צו ארטאדאקסישע האנדווערקער: און דערביי מוז ער אויך לערנען א געוויסע צייט. 4) צו גרינדען א „בית יעקב" שולע און א העברעע שולע „החבצלת". וועגען „טהרת בנות ישראל" איז בעשלאסען געווארען אבצושאפען יעדע מין אבצאהלונג פון מקוואות. די מקוה ווערט אויסגעהאלטען דורך די קהלה. דאס איז איניגע פונקטען פון דעם ארבייטס־פראגראם פון די לוקאווער ארטאדאקסישע קהלה. און דאס ערשטע האט זי בעוויזען צו פערענדיגען, א פראכטיגען בנין פאר די תלמוד תורה.

מיר וו'לען זיך יעצט נישט אבשטעלען אויף די אינערליכע איינארדנונגען פון און די אלע זאכען. אויף ווי ווייט דאס וועט זיך זיי איינגעבען. אבער, הזה ר שויאונג, די אנשויאונג, דער געדאנק א יין, צו קוקען מיט א אקטיוו פון לעבעדיגע מעשים, און ענדליך דאס וועלין בעשאפען א אייגענע, ארטאדאקסיש אטמע, וועלכע זאל אין דער צוקונפט זיין אונזערע הערליכע טרעגער פון די יודישע פאהן דאס איז שוין גענוג און גלייכצייטיג אז זייער שטרעבונג וועט אין מעשים פערווירקליכט ווערען.

אונזערע הייםישע, ארטאדאקסישע דאזארעס וואלטען זיך געמעגט וועגען דעם אביסעל פערטראכטען. כל זמן ס'איז נאך נישט שפעט.

—ן.

דער פאטער און די טאכטער.

ערצעהלונג

צוויילטער טהייל.

— אה, טאטעשי האט געניא ווייטער גערעדט, ווי וואלט איך דיר געוואלט ליעב האבען! אכטען דיר און פערעהרן דיר! נאר קעהר זיך צוריק צו די רעליגיע, פון וועלכע דו האסט זיך אבגעווענדעט, זיכער צוליעב א טעות, — אה קעהר זיך צוריק! דער אויבערשטער וועט דיר מוחל זיין דיין פערברעכען און אבגעבען דיר די ליבשאפט און עהרעפורט פון דיין טאכטער, — אה, קעהר זיך צוריק!

איין האט זיך איינגעבויגען צו זיין טאכטער און בעקושט איהר אין שטערן.

— דו ביזט א וואונדערליכע פאנטאזיסטקע האט ער געזאגט מיט א שמייכעל. — דאך ביזטו מיין ליעב, טייער און איינציג קינד, און אין מיין גאנצען לעבען זארג איך נאר וועגען דיר, ווען ס'וואלט נישט געווען אונמעגליך צו טהון דאס, וואס דו פערלאנגסט, וואלט איך פון דייגעט'וועגען אויך דאס געטהון; אבער איך זאג דיר אז דאס איז אונמעגליך.

— פאר וואס איז עס דען אונמעגליך? ווען מ'איז א אומרעכט בעגאנגען דארף מען חרטה האבען און אויסבעסערן.

— און פון וואנען ווייסטו אז איך בין אנ'אומרעכט בעגאנגען? האט איהר איין איבערגעפרעגט מיט א שמייכעל.

ס'קאן דאך ניט זיין אז...

— מיין ליעב גוט קינד, — האט דער פאטער איהר איבערגעריסען — דו ביזט נאך גאר יונג, די קענסט נישט דאס לעבען, דו האסט נאך נישט קיין אהנונג, וואס פאר א אונאנגענעמליכקייטען מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבען, גלויב ניט, אז כ'האב מיין שריט געמאכט לייכטזיניג, נייז כ'האב עס געטהון נאר צו די ליבשאפט פון דיין מוטער און צו דיר.

— אבער מיין מוטער האט דאך זיכער חרטה געהאט, זי האט דאך בעפוילען מען זאל מיר ערציהען אין יודישען גייסט.

אדוואקאט איין האט א ציה געטהון מיט די אקסלען.

— איך בין צו מיין גרויס בעדויערן נישט געווען דערביי ווען זי האט איהר ריינע נשמה אבגעגעבען; אבער איך האלט אז ס'איז מעגליך אז די מענשען וועלכע האבען דאס דיר איבערגעבען האבען איהרע לעצטע ווערטער נישט ריכטיג איבערגעגעבען.

הער נאר, מיין טייער קינד, — האט איין גערעדט ווייטער— דו ביזט נאך צו יונג צו קענען אורטיילען פאלקאם ריכטיג וועגען אלע לעבענס פראגען. דער געדאנק צו בעפרייען דיר פון אלערליי און אנגענעמליכקייטען אין לעבען, און אבצורוימען פאר דיר אלע שטיינער אין וועג, וועלכע וואלטען פאר דיר אונמעגליך געמאכט דעם ערפאלג אין לעבען אט דאס האט מיר בעוואויגען צו דעם שריט. און אויב כ'זאל יעצט זיין צו שוואך צוליעב מיין ליבשאפט צו דיר און נאכגעבען דיר, וועט געוויס קומען א צייט, ווען דו אליין וועסט מיר מאכען א פארוואורף, פאר וואס איך האב אויף דיינע שוואכע אקסלען ארויף געלעגט אזא שווערע משא, ווי דאס יודענטום איז.

אה, גלויב דאס נישט — האט געניא אויסגערופען —קיינמאל וועסטו פון מיר אזעלכע ווערטער נישט הערען. ווארעם ווען דו וועסט אפילו קיין יוד נישט ווערען — איך בלייב אבער א יודיש קינד.

וואס מיינסטו דערמיט צו זאגען? האט איין א פרעג געטוהן — און אויף זיין פנים האט זיך בעוויזען שארפע קנייטשען. — כ'וועל שוין מעהר קיין טריפות נישט עסען! האט געניא קורץ און שארף אזאג געטוהן...

א דינער פון א אבלאדיסמענטען פון איגוועניג האט איבערגעריסען דעם שמועס... דאס האט אנגעזאגט אז דער זינגער איז שוין דא אין טעאטער.

מיט גאנצע בערג בלומען האט מען פון פובליקום פערווארפען אויף דער ביהנע דעם גרויסען זינגער. זיין שטימע האט אנגעהויבען צו הילכען. דאס פובליקום האט געהערט מיט א איינגעהאלטענעם אטעם.

פלוצלונג האט זיך דערהערט אנ'אויסרוף „עס ברענט", „עס ברענט"! און באלד האט זיך אריינגעריסען אין טעאטער ארויך און אויף דער ביהנע האט זיך בעוויזען א שרעקליכער פלאם־פייער. אין טעאטער איז ענטשטאנען אנ'אימה'דיגע מהומה; אלע האבען זיך אווארף געטוהן צום ארויסגאנג. ס'איז געווארען א געשריי, א געפילדער; ס'האט זיך דערהערט א יאמער. דער רויך איז געווארען אלץ געדיכטער. די פלאמען אלץ שטארקער; די היץ איז געווארען אונערטרעגליך און ביי די טהיר א שרעקליך שטויסעניש, — איינער צוטרעט דעם צווייטען.

די פלאמען האבען זיך צושפרייט אלץ מעהר און מעהר. אט פלאקערן שוין די גאלעריע. פון אלע זייטען הערט מען רופען נאך הילף.

איין האט אנגענומען געניא'ן ביים ארעם, און האט איהר פעסטגעהאלטען מיט אייזערנע צוואנגען.

— האלט זיך פעסט אן מיר! לא'מיר זיך נישט צו שיידען!

זיי האבען זיך עגדליך אריינגעריסען אין קארידאר אבער ס'איז אונמעגליך דורכצושפארען א וועג. ענדליך האבען זיי דורכגעריסען זיך לינקס פון די געביידע.

קום האט ער אזאג געטאהן, דארט לינקס מוז טרעפ זיין און ביידע האבען זיך געלאזט בליץ שנעל. זיי האבען טאקי געפונען א טהיר, אבער א פערהאקטע... א ווילד געשריי, האט זיך ארויסגעריסען פון איין'ן, מיר זענען פערלוירען!

אונזער וועג-שעדליץ 1925-01-16 כ-טבת-תרפה גליון-0032 000002 a הודפס מתוך הארכיון היהודי